דאָנערשטיק, דעם 10טן, פעברואַר 1966



# דער חלום

פון דוד-הירש ראַסקעט

ביים ברעג ים. איינער אַליין. וואָרעמע זאַמד אונטער די באָרוועסע פּיס. כוואַליעס רוישן שטילערקייט. דער מוח פריי פון זאָרג.

פּלוצלינג — אַ מענטש שטייט פאַר מיר און לאָזט מיך ניט דורכגיין.

— ניין, דו ביסט ניט פריי — זאָגט ער — דו קענסט קיין מאָל ניט זיין פריי.

ער קוקט אויף מיר מיט אַ שטרענגן בליק. ווען ער זעט, אַז ער האָט מיך דערשראָקן, צעלאַכט ער זיך.

— ניין, קיין מאָל ניט פריי. קיין מאָל ניט!

און נאָך אַ מענטש. זיינע ווייסע האָר זיינען ניט פאַרקעמט. ער איז ניט אָפּגעגאָלט. זיינע אויגן בליצן.

— היפּאָקריט — שרייט ער — וועמען ווילסטו אָפּנאַרן? דעם רב? זיך אַליין? וואָס גייסטו אין שול? צו וועמען דאַוונסטו? די תפילות מיינען גאָרניט פאַר דיר. פּוסטע פראַזעס. זיי זיך מודה; דו ביסט אַן אַטעיסט!

נאָך אַ פּנים. אַ יונגע פרוי שמייכלט סאַרקאַסטיש.

— האָסט שוין פאַרגעסן דיינע רייד? געדענקסט ניט דיין שבועה? קעמפן פאַר פרייע ליבע, האָ? די געזעלשאַפט איז אַ תפיסה און דו וועסט זיך דורכברעכן, געדענקסט? מאָראַל געהערט אין מיטל-עלטערן, נישט אַזוי? וואָס שווייסטו? דאָס זיינען דאָך דיינע רייד!

און נאָך אַ פּנים. איך ווער אַרומגערינגלט מיט פּנימער. אַ בחור מיט געקרייזלטע שוואַרצע האָר.

— דו האָסט מיך אָפּגענאַרט. איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט גאָר אַ שפּיאָן. ישראל געפעלט דיר ניט, אַ? וואָס האָסטו אונדז אָנגערופן? „ווילדע פאַנאַטיקערס"? „פאַשיסטן"? אונדזער אידעאָלאָגיע געפעלט דיר ניט? פאַרעלטערט, זאָגסטו? שעדלעך איז עס? עס טרייבט צו אַסימילאַציע? דו האָסט פיינט סאַבראַס? דו האָסט שאָוויניסטן? און וואָס ביסטו? ווילסט ווייסן? אַ גאָרניט ביסטו, אַן אויסגעליידיקטער גאָרניט! דו מיינסט, אַז מיט קריטיק ווייזסטו דיין שאַרפן מוח. דיין מוח איז אָבער פאַרסמט, פאַרסמט צום טויט!

און אײדער איך קער זיך אום, זע איך אַן אַנדער פּנים. אַ מאַן מיט אַ יאַרמלקע.

— דו קענסט ניט אַנטלויפן, בחור. גאָט איז אומעטום. גאָט איז דער יסוד פון אַלץ וואָס אין דיר. די קענסט ניט אַנטלויפן פון דיינע וואָרצלען. אָן גלויבן איז די וועלט פּוסט. דער מענטש קען ניט עקסיסטירן אָן גלויבן, אָן רעליגיע. נעם אַוועק רעליגיע, בלייבסטו מיט אַ שאָלעכץ, אַ דינע שאָלעכץ און מער גאָרניט. היט זיך, בחור. דו ברענגסט דיין אייגענעם אומקום. איין פרימאָרגן וועסטו זיך אויפכאַפּן און וועסט זיך געפינען אין אַ שוואַרצער פּוסטקייט, וואָס פון איר וועסטו ניט קענען אַרויס. וואַרף ניט אַוועק דיין רעליגיע — דו וועסט דיך דערמיט אַליין אַוועקוואַרפן.

און איצט דערזע איך אַ בחור אין אַ ברוינעם אָנצוג. ער טראָגט ברילן און האַלט אין האַנט אַ

ניט ווערט. די וועלט איז רויִק, און דו בלייבסט נאָך אַלץ אין דיינע שמאָלע געסלעך. אַנטלויף, איידער עס ווערט צו שפּעט!

אַ פּנים פון אַ מיידל זעט זיך איצטער.

— וואָס, שוין זיך מיאש? אַזוי שנעל גיסטו אויף דעם קאַמף? די האָסט נאָר וואָס אָנגעהויבן. אַזאַ פּחדן ביסטו, אַז ביי דער ערשטער שטרויכלונג ווערסטו גלייך דערשראָקן? געווים איז דער קאַמף פאַר יידיש אַ שווערער, אָבער דו האָסט עס אַליין געוואָוסט, איידער ד האָסט נאָך אָנגעהיבן. דער מצב ווערט אַצינד ערגער און ערגער. דו קענעסט ניט אויפגעבן איצטער. דו טאָרסט ניט! גיי צוריק. געפין דיין אַלטן גלויבן, דיין זיכערקייט פון אַ מאָל. קער זיך אום!

— וואָס מיינסטו זיך — זאָגט אַ דיקער מאַן אין אַ צעריסענעם העמד — דו מיינסט טאַקע, אַז אַ באַוועגונג קען עקסיסטירן אָן אַ פּאָליטישער באַזע? נאַרישקייטן! מען מוז קעמפן פאַר מענטשנרעכט, פאַרן פּראָלעטאַריאַט. אָבער וואָס קענסטו פאַרשטיין וועגן דעם? דו ביסט דאָך אָנגעשטאָפּט מיט געלט. דו זעעסט דאָך אַפילו ניט וואָס עס טוט זיך אַרום דיר.

און די פּנימער הייבן זיך אָן צו דרייען. די קולות ווערן העכער און העכער, וואָס אַ מאָל ווילדער:

— העיפּאָקריט!

— שפּיאָן!

— אַטעיסט!

— קאַפּיטאַליסט!

— יידיש!

— רעליגיע!

— פרייע ליבע!

— אוניווערסאַליזם!

— פאַרסמט ביסטו! —

— אויסגעליידיקט!

פּלוצלינג אַ ניי קול, אַ קול וואָס דונערט און ציטערט אויף אַלע מיינע ביינער.

— עבודה זרה! מע טאָר ניט פאַרגעטערן אַן אידעאַל!

און מיט דעם פאַרשווינדן אַלע

„פאַשיסטן"? אונדזער אידעאָלאָגיע געפעלט דיר ניט? פאַרעלטערט, זאָגסטו? שעדלעך איז עס? עס טרייבט צו אסימילאַציע? דו האָסט פיינט סאַבראַס? דו האָסט שאָוויניסטן? און וואָס ביסטו? ווילסט וויסן? אַ גאָרניט ביסטו, אַן אויסגעליידיקטער גאָרניט! דו מיינסט, אַז מיט קריטיק ווייזסטו דיין שאַרפן מוח. דיין מוח איז אָבער פאַרסמט, פאַרסמט צום טויט!

און אײדער איך קער זיך אום, זע איך אַן אַנדער פּנים. אַ מאַן מיט אַ יאַרמלקע.

— דו קענסט ניט אַנטלויפן, בחור. גאָט איז אומעטום. גאָט איז דער יסוד פון אַלץ וואָס אין דיר. די קענסט ניט אַנטלויפן פון דיינע וואָרצלען. אָן גלויבן איז די וועלט פּוסט. דער מענטש קען ניט עקסיסטירן אָן גלויבן, אָן רעליגיע. נעם אַוועק רעליגיע, בלייבסטו מיט אַ שאָלעכץ, אַ דינע שאָלעכץ און מער גאָרניט. היט זיך, בחור. דו ברענגסט דיין אייגענעם אומקום. איין פרימאָרגן וועסטו זיך אויפכאַפּן און וועסט זיך געפינען אין אַ שוואַרצער פּוסטקייט, וואָס פון איר וועסטו ניט קענען אַרויס. וואַרף ניט אַוועק דיין רעליגיע — דו וועסט דיך דערמיט אַליין אַוועקוואַרפן.

און איצט דערזע איך אַ בחור אין אַ ברוינעם אָנצוג. ער טראָגט ברילן און האַלט אין האַנט אַ בוך.

— וואָס איז מיט דיר געשען? קוק מיט וועמען דו האָסט דאָ צו טאָן: ווילדע מענטשן אַלע. פאַרגעס ניט ווער דו ביסט און וואו דו לעבסט. איצט איז ניט די צייט פאַר קליינשטעטלדיקייט. די גאַנצע וועלט שטייט אָפן פאַר דיר. דו ווילסט דאָך זיין אַ קינסטלער, דו ווילסט דאָך שאַפן, מוזסטו זען די וועלט, מוזסטו זיין אַ טייל איר. קענסט ניט בלייבן אין דיין ענגן געטאָ. קונסט איז אַן אוניווערסאַלע זאַך, און דיין חוב איז צו זיין אוניווערסאַל, אַניט האָט דיין קונסט קיין ווערט ניט. ווער וויל הערן וועגן דיינע יידעלעך און שטעטעלעך? דאָס איז דאָך גאָר־

גער. דו קענסט ניט אויפגעבן איצטער. דו טאָרסט ניט! גיי צוריק. געפין דיין אַלטן גלויבן, דיין זיכערקייט פון אַ מאָל. קער זיך אום!

— וואָס מיינסטו זיך — זאָגט אַ דיקער מאַן אין אַ צעריסענעם העמד — דו מיינסט טאַקע, אַז אַ באַוועגונג קען עקסיסטירן אָן אַ פּאָליטישער באַזע? נאַרישקייטן! מען מוז קעמפן פאַר מענטשנרעכט, פאַרן פּראָלעטאַריאַט. אָבער וואָס קענסטו פאַרשטיין וועגן דעם? דו ביסט דאָך אָנגעשטאָפּט מיט געלט. דו זעסט דאָך אַפילו ניט וואָס עס טוט זיך אַרום דיר.

און די פּנימער הייבן זיך אָן צו דרייען. די קולות ווערן העכער און העכער, וואָס אַ מאָל ווילדער:

— העיפּאָקריט!

— שפּיאָן!

— אַטעיסט!

— קאַפּיטאַליסט!

— יידיש!

— רעליגיע!

— פרייע ליבע!

— אוניווערסאַליזם!

— פאַרסמט ביסטו! —

— אויסגעליידיקט!

פּלוצלינג אַ ניי קול, אַ קול וואָס דונערט און ציטערט אויף אַלע מיינע ביינער.

— עבודה זרה! מע טאָר ניט פאַרגעטערן אַן אידעאַל!

און מיט דעם פאַרשווינדן אַלע פּנימער, אַלע מענטשן. נאָר אַן אַלטער, שטאָלצער זקן שטייט פאַר מיר. דאָס איז געווען זיין קול, וואָס האָט פאַרטריבן די אַנדערע.

— היט זיך, זון מיינער, פון געצן־דינערײ — זאָגט ער, איצט מיט אַ מילדן טאָן. — דאָס איז דער גרעסטער פאַרברעך, די גרעסטע זינד. ווייל, זון מיינער, ס'איז נאָר דאָ איין אידעאַל, און אַלע אַנדערע זיינען נאָר ברעקלעך. געדענק, זון מיינער, מע טאָר ניט פון אַ ברעקעלע מאַכן אַ גאָט.

און ער נעמט מיך ביי דער האַנט און איך גיי מיט אים. די זאַמד איז וואַרעם אונטער מיינע באָרוועסע פיס. די כוואַליעס רוישן שטילערהייט. מיין מוח איז פריי פון זאָרג...

## מזל-טוב

די אידישע פאָלקס שולן באַגריסן האַרציק רות און לעני ווייס, ביידע גראַדואירטע פון אונדזערע שולן, צום געבורט פון אַ צווייט זונעלע, און מיר ווינטשן זיי, זיי זאָלן זוכה זיין אים מגדל צו זיין לתורה, לחופּה ולמעשים טובים.

אַ האַרציקן מזל טוב אויך דעם זיידן און דער באָבען, דעם פּרעזידענט פון אונדזערע שולן און זיין פרוי, לייב און מאַשע ראָסקעס, און ווינטשן זיי צו האָבן אַ סך נחת פונעם ניי־געבוירענעם.

ש. ווייסמאַן, פּרינציפּאַל
ש. דונסקי, וויצע־פּרינציפּאַל
ש. קאַלץ, עקז. דירעקטאָר